תמוז, תשכ"ה יולי, 1965
ניו-יאָרק, נ. י.



# צוויי נומערן „יוגנטרוף"

עס איז זייער אָנגענעם צו הערן דעם באַנייטן פרילינג-צוויטשער פון אַ פויגל אין וואַלד. דער וואַלד איז טאַקע אַלט. ער האָט שוין אַ סך מאָל אָפּגעקלאָגט זיינע האַרבסטן. אָבער דעם ערשטן פרילינג-פויגל גייט עס זייער ווייניק אָן. ער איז אַן אָנהויבער מיט דער גאַנצער פרישקייט פון בראשיתדיקן פרילינג. אין דעם איז זיין כח. דער „יוגנטרוף" האָט דעם פרילינגדיקן „צוויטשער" און דאָס איז זיין מעלה.

פון די צוויי דערשינענע נומערן איז נאָך צו פרי צו זאָגן וואָס דער „יוגנטרוף" האָט אין זיינע לאָגלען. דער פאַרדינסט זייערער איז די אויפוואַכונג, דאָס וואָס זיי זיינען דאָ. ס'איז אַ צוזאָג אויף להבא. אפשר וועט דער צוזאָג ווערן אַן אָנזאָג פון ממשותדיקן טאַט. עס קען זיין אַז דער צוזאָג איז געקומען מיט צופיל „פובליסיטי". און דאָס איז נישט קיין מעלה.

עס איז שטענדיק בעסער אָנהויבן פון „נעשה" און נישט פון „נשמע". אַ סימן פון דעם „נעשה" ברענגט היהלע טאַלענבערג ווען זי דערציילט וועגן דער טעאַטראַלער יוגנט-גרופּע אין מאָנטרעאָל. אויב עס וועלן זיך מערן אַזעלכע און אַנדערע „נעשהלעך" און זיי וועלן זיין דויערהאַפט אין זייער אַרבעט און דער „יוגנטרוף" וועט מקיים זיין זייער צוזאָג פון אַ „ברייטערן באַנוץ פון אידיש סיי ביי אָפיציעלע צוזאַמענקומען און סיי פריוואַט" וועט עס זיין אַן אויפטו. די פירסומים זיינען לא מעלה ולא מוריד. וועגן דעם זאָגט זייער ריכטיק עליע פאַלעווסקי אין „יוגנטרוף": „פראָפּאַגאַנדע אין זיך אַליין איז פוסט. אויב מיר טוען אויף עפּעס שעפערישס איז דאָס די בעסטע פראָפּאַגאַנדע". איז ער גערעכט. אַ גוטער צוזאָג אויף מקיים צו זיין.

מיטן פאַרפענטלעכן די נעמען פון די ביישטייערער האָט זיך דער „יוגנטרוף" אַראָפּגעגליטשט אויף אַן „אַלטרוף"-דרך. עס איז ניט גוט ניט פאַר אַלט און ניט פאַר יונג. עס וואָלט געווען גלייכער צו פאַרעפנטלעכן די צאָל גרופּן פון אידיש-רײדנדיקע און אידיש-לייענענדיקע יוגנטלעכע און זייערע טואונגען אין די שטעט און לענדער, ווי קליין די צאָל זאָל ניט זיין, ווייל דאָס איז דער עיקר. וועגן דער רעקלאַמע וואָס מען מאַכט געלט-געבער האָט שוין אחד העם באַצייכנט, אַז דאָס איז געלט פאַרן עגל. עס מוז נישט אַ קלונג טאָן אַ גלאָק ווען עמעצער עפנט אַ טייסטער, פונקט ווי עס מוז ניט אָנהויבן שנייען ווען עמעצער עפנט אַ בוך.

כאָטש דאָס ווערט זעלטן געזאָגט בקול רם, אָבער אין דער אמתן איז אַ מענטש אין דער יוגנט קליגער ווי אַ מענטש אויף דער עלטער. אין דער יוגנט איז מען זיך מישב מער מיטן הימל און דער ישוב הדעת איז פון אַ העכערער מדרגה. דאַרף מען זיך פאַרלאָזן אויפן „יוגנטרוף" אַז זיי וועלן גיין מיט יונגע און נייע וועגן און וועלן מצליח זיין.

אין דער רשימה פון די ביישטייערער איז דאָ אַ שורה וואָס עס איז כדאי זי אויסצוטיילן פון אַלע אַנדערע — די „ירושה" פון דעם פריערדיקן „יוגנטרוף" (אַרויסגעגאַנגען אין די יאָרן 1941 — 1948) איז 457.53 דאָלער. איז טאַקע לשבח פון פריערדיקן „יוגנטרוף" וואָס זיי האָבן ניט פאַרטאַכליעוועט דאָס געלט און איבערגעגעבן צום קומענדיקן דור. אָבער מען דאַרף זאָגן עטלעכע קאַפּיטלעך תהילים אַז דער איצטיקער „יוגנטרוף" זאָל נישט איבערלאָזן קיין ירושות פון דעם מין, נאָר זאָל שאַפן ירושות וואָס „מען לאָזט זיי ניט איבער", נאָר זיי גייען אַליין פון דור צו דור — די ירושה פון „נעשה".

ק. מ.